**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/7/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט די אנהייב פון 2022 הערבסט ׳פאָליעדזש׳ און רייזע סעזאן אין ניו יארק סטעיט**

***זעט וועכענטליכע ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ הערבסט ׳פאָליעדזש׳ באריכטן צו באקומען יעדן מיטוואך, אנגעהויבן סעפטעמבער 14, [דא](#)***

***זעט נייע בראָדקעסט און דיגיטאלע מארקעטינג קאמפיין וואס ווייזט ארויס פאפולערע סעזאנעלע אטראקציעס און דעסטינאציעס [דא](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן די אנהייב פון ניו יארק סטעיט׳ס 2022 הערבסט ׳פאָליעדזש׳ (געפארבטע בלעטלעך) און רייזע סעזאן, ארויסגעהויבן דורך דעם אומקער פון ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ס׳ [הערבסט ׳פאָליעדזש׳ באריכטן](#) און א נייעם ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ בראָדקעסט און דיגיטאלע מארקעטינג [קאמפיין](#) ארויסצווייזן פאפולערע הערבסט אקטיוויטעטן און אטראקציעס. ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ ארבעט אויך אינאיינעם מיט דער סטעיט׳ס נעטוואָרק פון היסטארישע טוריסט דעסטינאציעס אויף דעם היי-יעריגן ׳וועגל אדורך היסטאריע׳ וויקענד, באשטימט זיך אנצוהייבן אקטאבער 8 ביז 10, וואס וועט פיגורירן ספעציעלע צוזאמקונפט פראגראמען און אקטיוואציעס ביי דעם סטעיט׳ס רייכע היסטאריע און היסטארישע ערטער.

״פון פילפארביגע בלעטלעך און אומפארגלייכבארע נאטורליכע לאנדשאפטן ביז אטעם-פארכאפנדע היסטארישע ערטער און איינס-פון-איר-סארטיגע סטעיט פארקס, איז נישט פאראן גארנישט צום פארגלייכן צו ניו יארק דעם הערבסט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דורכאויס דעם סעזאן פארבעטן מיר רייזנדע פון ניו יארק און פון אויסער׳ן-סטעיט צו פלאנירן א פערפעקטן הערבסט אוואנטורע — צי עס איז ארויפקלעטערן אן אדיראנדעק שפיץ בארג, צי באזוכן א ווינעריי אין לאנג איילענד, צי שפאצירן לענגאויס באפעלאו׳ס וואסער-ברעגע — און זען וואס אונזער גרויסער סטעיט האט אלץ אנצובאטן.״

הערבסט איז איינע פון ניו יארק׳ס מערסט פאפולערע רייזע סעזאנען, צוציענדיג באזוכער פון ארום דער וועלט וועלכע שטיצן ארטיגע ביזנעסער און גלייכצייטיג זיך אומקוקן אויף די אייגנארטיגע און פארשידנארטיגע קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. צו העלפן רייזנדע און ׳פאָליעדזש׳ ליבהאבער פלאנירן א הערבסט וואקאציע, ווערן ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ וועכנטליכע ׳פאָליעדזש׳ באריכטן ארויסגעגעבן יעדן מיטוואך, אנגעהויבן סעפטעמבער 14. זיי ווערן צוזאמגענומען ניצנדיג די אויפ׳ן-ארטיגע פעלד אבסערוואציעס פון ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ס׳ מאנשאפט פון איבער 85 וואלונטיר בלעטלעך דערקוקער לענגאויס דעם סטעיט׳ס 11 וואקאציע ראיאנען. די דערקוקער טוען נאכשפירן קאליר ענדערונגען אין זייער ארט, די בלעטלעך, דייטליך ערקלערנדיג די מערסט אפטע בלעטל קאלירן, די בערך׳דיגע פראצענט פון ענדערונג, און וויפיל די קאליר ענדערונג האט זיך פאראויסגערוקט אין פארגלייך צו די הויכפונקט אומשטענדן.

די באריכטן רעכענען אויך אריין אן אינטעראקטיווער קאלירטע בלעטלעך מאפע, צו באקומען אויף דעם ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ וועבזייטל, וואס טוט נאכשפירן וועכנטליכע ענדערונגען און פאראויס-גאנג לענגאויס דעם סטעיט דורכאויס דעם סעזאן. די מאפע רעכנט אויך אריין רעקאמענדירטע ערטער צו באקוקן די ׳פאָליעדזש׳ אין יעדע פון דער סטעיט׳ס וואקאציע ראיאנען, אינאיינעם מיט ביישפילן פון הויכפונקט ׳פאָליעדזש׳ אין א אנגעגעבענע ארט, און אינפארמאציע איבער פאפולערע ארטיגע און ראיאנישע אטראקציעס. פריש דאס יאר, וועט די אינטעראקטיווע ׳פאָליעדזש׳ מאפע אריינרעכענען אן אפציע צו פילטערן אטראקציעס לויט דער קאטעגאריע, אריינגערעכנט עסן און טרונקען, און קונסט און קולטור.

רייזנדע ווערן פארבעטן מיטצוטיילן זייערע בילדער פון ניו יארק סטעיט'ס אויג-פארכאפנדע בלעטלעך אויף סאָושעל מידיע נוצנדיג דעם #NYLovesFall העשטעג. בילדער וועלכע ווערן אריינגעגעבן צו דעם העשטעג וועלן האבן א שאנס צו פיגורירט ווערן אויף דעם ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ הערבסט ׳פאָליעדזש׳ וועבזייטל און עמטליכע ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ סאָושעל מידיע אקאונטס וועלכע גרייכן איבער צוויי מיליאן נאכפאלגער. ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ האט לעצטנס ארויסגעשטעלט א טיק-טאק אקאונט צו גרייכן ברייטערע אודיענצן, אויף משלים צו זיין אירע עקזיסטירנדע אקאונטס אויף אינסטעגרעם, פעיסבוק און טוויטער.

אין טייל צו פארדאנקען איר גרויסקייט און לאקאציע, האט ניו יארק סטעיט היסטאריש איינע פון די לענגסטע און מערסט קאלירפולע הערבסט ׳פאָליעדזש׳ סעזאנען אין דעם לאנד. יעדע סוף וואך, אנגעהויבן פון שפעט סעפטעמבער ביז אינמיטן נאוועמבער, טוט א טייל פונעם סטעיט דורכגיין די הויכפונקט פון די בלעטלעך קאלירן. הערבסט געפארבטע בלעטלעך באריכטן און די אינטעראקטיווע מאפע זענען צו באקומען אויף www.iloveny.com/foliage, אדער דורך רופן בחינם 800-CALL-NYS (800-225-5697) פון וואו עס זאל נאר זיין אין די פאראייניגטע שטאטן, אירע טעריטאריעס און אין קאנאדע.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט**, ״טוריזם איז איינע פון די זיילן פון ניו יאָרק׳ס עקאנאמיע, און הערבסט רייזע איז ספעציעל וויכטיג פאר פאמיליע פאַרמס און קלענערע ביזנעסער, וועלכע זענען דער רוקנביין פון אזויפיל קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. דער סעזאן טוט אנבאטן די פערפעקטער געלעגנהייט צו עקספלארירן און דורכלעבן ניו יארק׳ס פארשידענע ראיאנען, יעדע מיט אירע אייגענע הערבסט פעסטיוועלס, פראגראמען און צוזאמקונפטן וועלכע פארבעטן און נעם אויף מיט צופרינדהייט יעדן איינעם.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם ראס די. לעווי האט געזאגט**, ״יעדעס יאר ווערט ניו יארק סטעיט א וואונדער-לאנד פון הערבסט פארבן. פון אונזער וועכנטליכע קאלירטע בלעטלעך באריכט, צו לאזן וויסן פאר רייזנדע וואו קאלירן זענען ביים הויכפונקט, ביז אינטעראקטיווע מאפעס זיי צו העלפן געפונען אטראקציעס און מאלצייט דורכלעבענישן, ביז א לויפנדער ליסטע פון העריטעדזש צוזאמקונפט פראגראמען אלס טייל פון ׳וועגל אדורך היסטאריע׳ וויקענד, פריידט זיך ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ צוצושטעלן מיטלען צו העלפן געסט פולקאם אויסניצן איינע פון די לענגסטע און הערליכסטע קאלירטע בלעטלעך סעזאנען אין דעם לאנד. מיר ענטפאנגען מיט פרייד עקספלארירער פון נאענט און פון ווייט, צו קומען און זיך צו באטייליגן און אנטדעקן א הערבסט מיט וואס מען קען זיך פארליבן אט דאהי אין ניו יארק סטעיט.״

׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ פירט אויך איין א נייע הערבסט מארקעטינג קאמפיין צו מוטיגן הערבסט רייזן, וואס אנטהאלט אויך א נייע 30-סעקונדע׳דיגע שטיקל וואס הייבט ארויס געוויסע פון די פילע וועגן צו קענען געניסן פון דעם סעזאן לענגאויס ניו יארק סטעיט. די רעקלאמע אנטהאלט פאמיליע-צוגעפאסטע הערבסט באליבטסטע, ווי תבואה-שניידן ביי ארטיגע פאַרמס, האַלאָווין אטראקציעס, טיער-גארטנס און ׳פאָליעדזש הייקס׳, ווי אויך אזעלכע דעסטינאציעס ווי דער בעיסבאָל האָל אָוו פעים און מוזעאום אין

קופערסטאון, און ניו יארק סיטי׳ס צענטראל פארק. דער קאמפיין לאזט זיך היינט אין גאנג, און די רעקלאמע קען מען זען [דא](#).

אין צוגאב, וועט ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ האלטן א ׳וועגל דורך היסטאריע׳ וויקענד פון אקטאבער 8 ביז 10 אויף ארויסצווייזן עטליכע פונ׳ם סטעיט׳ס היסטארישע און טראדיציאנעלע רייזע ערטער. דער ׳וועגל אדורך היסטאריע׳ איניציאטיוו ניצט 14 טעמעס צו ארגאניזירן איבער 700 ערטער, אטראקציעס און לאקאציעס לענגאויס דעם סטעיט. דער ׳וועגל אדורך היסטאריע׳ וועבזייטל פארמאגט מאפעס, א באניצער-פריינטליכער ליסטע פון לאקאציעס ארגאניזירט לויט דער טעמע און דעם ראיאן, און אן ארויסוואנדערונג פלאנירער אייך צו העלפן זיך צוגרייטן צו אייער רייזע. נאך אינפארמאציע אויף 2022 ׳וועגל אדורך היסטאריע׳ וויקענד קען מען געפונען [דא](#).

באזונדעריש אין ניו יארק סטעיט האלטן אויס אן עקאנאמישער איינפלוס פון 85.5 ביליאן דאלער און טרייבט אויף געגנוג אין סטעיט און ארטיגע שטייערן צו שפארן יעדער הויזגעזינד אינ׳ם סטעיט איבער 1,000 דאלער יערליך. טוריזם און גאסטגעבערישקייט איז דער סטעיט׳ס דריט-גרעסטער אינדוסטריע, שטיצנדיג איינס אין 11 פריוואטע סעקטאר דזשאָבס.

**סטעיט סענאטאר האזע עם. סעראנא האט געזאגט,** ״הערבסט אין ניו יארק איז אזא הערליכע צייט פון יאר, איבערהויפט ביי אונזערע סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער. מיר אויג-פארכאפנדע הערבסט ׳פאָליעדזש׳ קאלירן ארום און ארום, איז באמת נישט דא קיין בעסערע צייט צו באזוכן אונזערע פארקס און דורכלעבן די גרויסע אפנלופטיגע שטרעקעס. דער ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ הערבסט קאלירטע בלעטלעך באריכטן זענען גאר א גוטע אופן צו העלפן באזוכער זיך אנקניפן מיט דער נאטור דורכאויס דער וואונדערליכער צייט פון יאר.״

**אסעמבלי-מיטגליד דעניעל דזשעי. א׳דאנעל האט געזאגט,** ״עס איז נישט דא נאך אזאנס ווי דער פראכט פון ניו יארק׳ס הערבסט ׳פאָליעדזש׳. די אויג-פארכאפנדע בליקן און שטוינענדע קאלירן זענען בארימט פאר א סיבה! צי איר זענט א נאטור ליבהאבער אדער א שטאטישער איינוואוינער, מוטיג איך אייך צו גיין און דורכלעבן די שיינקייט פון ניו יארק, און אויסזוכן די אומגלויבליכע ארטיגע אטראקציעס אין יעדן ווינקל פון אונזער סטעיט.״

**קריסטין ניקאלאס, פארזיצער פון דעם ניו יארק סטעיט טוריזם באראטונגס קאונסיל, האט געזאגט,** ״ווי עס זאגט דער באקאנטער ליד, ׳הערבסט אין ניו יארק, פארוואס טוט עס אזוי ענטפאנגען?׳ ווייל גאווערנער האוקול און די ׳איי לאָוו ניו יאָרק׳ מאנשאפט שטעלן אין גאנג א הערבסט קאמפיין צו מוטיגן רייזנדע דורכצולעבן נאכאמאל דער גאר-פילפארביגער שטיק קונסטווערק, פון דעם שפיץ פון מאנטאוק ביז די וואונדער פון ניאגארא פאָלס, מיט עטליכע שרעקעדיגע קעפלאזע פערדלייט און א פאר מחיה׳דיגע קארן בלאנדזשערייען אויפ׳ן וועג. הערבסט איז א וויכטיגע טוריזם סעזאן פאר ניו יארק, און דערפאר טוט דער סטעיט טוריזם אינדוסטריע ווירקליך שעצן די באמיאונגען אויפצונעמען באזוכער צוריק צום לאנד׳ס גרעסטן און בעסטן ׳טעקניקאָלאָר׳ לאנדשאפט.״

צו העלפן פלאנירן אייער קומענדער ניו יארק סטעיט וואקאציע, ביטע באזוכט [www.iloveny.com](http://www.iloveny.com).

**איבער ניו יארק סטעיט**

ניו יארק סטעיט איז א פרעמיערע וואקאציע דעסטינאציע מיט ערשטראנקיגע אטראקציעס, אויג-פארכאפנדע נאטורליכע שיינקייט, ארטיג-געשאפענע געקעכטס און א שפרודעלדיגע היימיש-געמאכטע געטראנקען אויסוואל, און א ברייטע ריי קווארטיר אפציעס, און איקאנישע גאנץ-יעריגע פעסטיוועלס און צוזאמקונפט פראגראמען. איר 11 פארשידנארטיגע וואקאציע ראיאנען פיגורירן געוויסע פון דער וועלט׳ס העכסט-ראנקירטע ביעטשעס; צוויי פון אמעריקע׳ס דריי מערסט באליבטע סטעיט פארקס; אטעם-

פארכאפנדע ניאגארא פאָלס; מער סקי ערטער ווי סיי וועלכע אנדערע סטעיט; איינע פון דעם לאנד׳ס לענגסטע קאלירטע בלעטלעך סעזאנען; מערערע בארימטקייט זאלן (האָל אָוו פעים); צפון אמעריקע׳ס לענגסטע, שנעלסטע און העכסטע זיפ-ליין; דער גרעסטער ציבור׳יש-באשיצטער שטח אין די באהאפטענע פאראייניגטע שטאטן; און דער לאנד׳ס לענגסטע געמישטע באנוץ טרעיל. לייג צו דער סטעיט׳ס מוזעאומס, היסטארישע מערקפונקטן, קולטורעלע ערטער, בא׳חנ׳טע קליינע שטעטעלעך און גרויס-שטאטישע שפיל פלעצער, און עס איז קיין וואונדער נישט אז ניו יארק ווערט אויף א כסדר׳דיגן אופן אויסגעוועלט אלס א העכסט-ראנקירטע וואקאציע ארט דורך רייזע אויסגאבעס און מבינים.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418